**פינאנציעלע הילף ביי Providence:**

אין איינקלאנג מיט אונזער מיסיע און הויפט  ווערדן, טוט Providence Health & Services באהאנדלען מענטשן און זייערע געזונטהייט געברויכן אפגעזען פון זייער פעאיגקייט צו באצאלן. מיר זענען איבערגעגעבן אויסצוארבעטן מיט אונזערע פאציענטן סיי וועלכע פינאנציעלע פראבלעמען, אריינגערעכנט טרעפן וועגן צו מאכן מעדיצינישע באהאנדלונג מער צוגענגליך.די Providence שפיטעלער שטעלן צו פינאנציעלע הילף פאר בארעכטיגטע פאציענטן וועלכע האבן נישט די פינאנציעלע פעאיגקייט צו באצאלן פאר זייערע מעדיצינישע בילס.  אויב איר האט שוועריגקייטן מיטן באצאלן פאר אלע אדער געוויסע פון אייער העלטה קעיר, מוטיגן מיר אייך צו רעדן מיט א Providence פינאנציעלע ראטגעבער אדער עמיצער אין אונזער ביזנעס אפיס איבער ווי אזוי מיר קענען אייך העלפן.

**וואס איז געדעקט?** פאר עמערדזשענסי און מעדיציניש נויטיגע סערוויסעס ביי די Providence שפיטעלער שטעלן מיר צו פינאנציעלע הילף פאר בארעכטיגטע פאציענטן אויף א סליידינג סקעיל באזיס, מיט הנחות וואס זענען צווישן 75 און 100 % באזירט אויף פעאיגקייט צו באצאלן.  פינאנציעלע הילף פאר אנדערע סערוויסעס ביי אונזערע נישט-שפיטאל פאסיליטיס ווערט באשטימט דורך די פאליסיס פון די Providence איינהייט וואס שטעלט צו די קעיר.

**ווי אזוי זיך איינצוגעבן?** סיי וועלכע פאציענט מעג זיך איינגעבן צו באקומען פינאנציעלע הילף.  א פאציענט וואס זוכט פינאנציעלע הילף מוז צושטעלן באוויין דאקומענטן וועלכע זענען דערמאנט אין די אפליקאציע, סיידן Providence אינפארמירט אנדערש.  די אפליקאציע פארם קען מען באקומען אנליין, דורכן טעלעפאן, אדער פונעם וועבסייט אדער אימעיל אדרעס וואס איז אנגעגעבן אונטן.

**אנדערע הילף:**

**דעקונג הילף:**  אויב איר זענט אן העלטה אינשורענס, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר אנדערע רעגירונגס און קאמוניטי פראגראמען. מיר קענען אייך העלפן געוואר ווערן צו די פראגראמען (אריינגערעכנט Medicaid און Veterans Affairs בענעפיטן) קענען אייך העלפן דעקן אייערע מעדיצינישע בילס. מיר קענען אייך אויך העלפן זיך איינגעבן פאר די פראגראמען.

**נישט אינשור'ד דיסקאונטס:**  Providence שטעלט צו א דיסקאונט פאר פאציענטן וועלכע  האבן מעגליך נישט קיין העלטה אינשורענס דעקונג. ביטע פארבינדט זיך מיט אונז איבער אונזער דיסקאונט פראגראם.

**איינצאלונג פלענער:**  נאכדעם וואס אייער אינשורענס פירמע פראצעסירט דעם ביל, וועט סיי וועלכע באלאנס פאר סומעס וואס איר זענט שולדיג דארפן באצאלט ווערן ביז דרייסיג טעג. דער באלאנס קען באצאלט ווערן דורך סיי וועלכע פון די פאלגנדע וועגן: אויטאמאטישע קרעדיט קארטל, באצאלונג פלאן, קעש, טשעק, אנליין ביל באצאלונג אדער קרעדיט קארטל. אויב דארפט איר א באצאלונג פלאן, ביטע רופט דעם נומער אויף אייער בילינג סטעיטמענט כדי דאס צו ערלעדיגן.

**עמערדזשענסי באהאנדלונג:**  Providence שפיטעלער מיט געטרייע עמערדזשענסי אפטיילונגען שטעלן צו באהאנדלונג פאר עמערדזשענסי מעדיצינישע צושטאנדן (ווי עס איז דערקלערט אין דער עמערדזשענסי מעדיצינישע באהאנדלונג און ארבעט אקט - Emergency Medical Treatment and Labor Act) אן קיין דיסקרימינאציע לויט אוועילעבל פעאיגקייטן, אן קיין אונטערשיד צו א פאציענט האט די פעאיגקייט צו באצאלן אדער איז בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אדער נישט.

**פארבינדט זיך מיט אונז פאר פינאנציעלע הילף אדער אפליקאציעס**

פאר מער אינפארמאציע איבער באקומען הילף מיט אייערע Providence מעדיצינישע בילס, ביטע רופט אדער באזוכט א פינאנציעלע ראטגעבער אדער בילינג אפיס ביי אייער לאקאלע Providence פאסיליטי. מיר קענען אייך געבן סיי וועלכע פארמס וואס איר דארפט און קענען אייך העלפן זיך איינגעבן פאר הילף. פאציענטן זענען שטארק געמוטיגט צו בעטן פינאנציעלע הילף איידערן באקומען מעדיצינישע באהאנדלונג, אויב מעגליך. פאציענטן קענען זיך אויך איינגעבן סיי ווען בשעת'ן קריגן באהאנדלונג און פאר א צייט אפשניט נאכפאלגנדיג דאס ערהאלטן אייער ערשטע ביל.

אויב איר האט סיי וועלכע פראגן אדער װאלט געוואלט באקומען א פינאנציעלע הילף אפליקאציע פארם, ביטע פארבינדט זיך:

- דורכן טעלעפאן: 1-866-747-2455
- אויף אונזער וועבזייטל אויף: www.providence.org